# פרשת שופטים א׳ - ז׳ אלול תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת שופטים***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לסוואן לעיק, והשתתף אצל הברית של בן הרב **שמואל שווימער** שליט"א (חתן הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א), שהתקיים בבית המדרש נועם אלימלך. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים חזר **רבינו שליט"א** למעון קדשו בוויליאמסבורג. אחר ששהה במשך ימי הקיץ בקרב תלמידי ישיבתנו הק׳ במחנה מתיבתא נחלת יעקב – לאק שעלדריק.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **משה אייגנער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אח"כ הגיע **הרה"ג רבי יוסף הורוויץ שליט"א** ראה"כ מונקאטש (חתן כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לשמחת נישואי בתו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**הגר"י הורוויץ:** איך האב געוואלט ליידענען, איך מאך חתונה אי"ה די וואך דינסטאג.

**רבינו:** יום שנכפל בו כי טוב.

**הגר"י הורוויץ:** עס וועט שוין זיין ביינאכט. ווייל מען מאכט דאך נישט חתונה אין אג"ה, דינסטאג איז ג׳ אלול, ביינאכט וועט שוין זיין ד׳ אלול.

**רבינו:** ביי די רבי'ס ווערט דאך ממילא שפעט. דער שווער (כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א) האט מיר אמאל פארציילט, אז ער איז אמאל געוועזן מיטן **סאטמאר'ער רב ז"ל** אין שפיטאל באזוכן איינעם, און דער **סיגעט'ער רב [כ"ק האדמו"ר בעל ברך משה מסאטמאר זצ"ל]** איז אויך געווען דארט, און דער **סיגוט'ער רב** האט זיך אהיימגעאיילט. האט אים דער **סאטמאר'ער רב** געפרעגט, פארוואס ער איילט זיך. האט ער געזאגט, אז ער דארף זיין אינדערהיים צו מנחה. זאגט אים דער **סאטמארער רב**, נו, דער עולם וועט אביסל אויסווארטען. זאגט ער, איך בין נישט אזוי ווי דער פעטער, אויף מיר ווארט מען נישט. האט אים דער **סאטמאר'ער רב** געזאגט, ׳דער עולם איז אזוי ווי מען געוואוינט זיי, אזוי פירן זיי זיך׳. ער האט געוואוינט זיין עולם אויף דעם וועג, און ער האט געוואוינט דעם עולם אויף דעם וועג.

**הגר"י הורוויץ:** ביי די באווארפן דעם שבת איז געווען א אייניקל פון רבי הערש ליפשיץ ז"ל (ראה"ק דקהלתנו הק׳), האט ער מיר געזאגט, אז דער מנהג אין וויען איז געווען, אז מיין טאטע (הגה"צ **רבי אלתר יחזקאל הורוויץ זצ"ל** ראב"ד דקהלתנו הק׳ בב"פ) האט עולה געווען חתן בראשית, און ער האט עולה געווען חתן תורה, און ביי נעילת החג פלעגט רבי הערש געבן די קידוש. און מיין טאטע ז"ל האט אמאל גערעדט דארט, האט ער געזאגט, אז מיין זיידע, **רבי דוד'ל [מקשאנוב זצ"ל]**, האט געדרוקט די צאנזער הקפות, און ער האט געדרוקט אביסל מנהגים פון צאנז. ער האט געהאט זייער א נאנטע מסורה צו צאנז, ווייל זיין טאטע איז אוועק יונג, און ער איז אויפגעוואקסען ביי זיין זיידע **רבי משה'לע קשאנוב'ער זצ"ל**, וואס איז אויפגעוואקסען ביים **צאנזער רב זי"ע**, האט מיין זיידע געשריבן אזוי הנהגות פונעם **צאנזער רב** אויף אלול און תשרי. און ער שרייבט, אז אין צאנז איז געווען די שטאטישע בית המדרש, און דער **צאנזער רב** האט געהאט זיין בית המדרש, ער האט נישט געקענט מיטהאלטן די זמנים. און עס איז געווען צייטן ווען דער רב האט געדארפט גיין אין שטאטישען בית המדרש. [ביים **מנחת אלעזר** איז אויך אזוי געווען, אז עס איז געווען זמנים ווען ער איז געגאנגען אין שול, שבת הגדול און שבת שובה און שבת חול המועד]. און דער **צאנזער רב** האט געזאגט, אז אלול וויל ער גיין דאווענען אינעם שטאטישען בית המדרש, ווייל אויף די בעלי בתים זעהט מען די אימת הדין. האט מיין טאטע געזאגט, אז רבי הערש דערמאנט אונז אביסל אין די יודען. איך בין געשטאנען דארט בשכינות, יבדל לחיים טובים, און איך האב געזעהן ווי עס האבן זיך געגאסן טייכען טרערן ביים דאווענען.

**רבינו:** מען האט יעצט געדרוקט די תולדות פונעם **צעהלימער רב**, און זיי שרייבען, אז דער **צעהלימער רב** פלעגט צו זאגען, ׳אז עס איז ביי אים ברור, אז א ערליכער בעל הבית, האט א שענערן פלאץ אויבן אין גן עדן, ווי א רב׳. ער האט געזאגט, איך האב נישט קיין נסיון פון שמירת שבת, איך פארדין נישט קיין געלט, און א בעל הבית וואס לאזט איבער דעם געשעפט, האט א נסיון. - ער האט אזוי מחשיב געווען די אמאליגע ערליכע בעלי בתים.

**הגר"י הורוויץ:** די וועלט דערציילט, אז דער **ווילנער גאון** האט גערופן דעם **דובנער מגיד** זאל אים מוסר

זאגען. האט ער אים געזאגט, א גרויסע חכמה, די רב זיצט, און די פאליצעס זענען אראפגעצויגען, און דער רב טוט נישט קיין עבירה. און אונז דארף מיר ארויסגיין על המחיה ועל הכלכלה. האט דער גאון געזאגט, איך ווייס נישט, איך זוך נישט קיין חכמות...
**רבינו:** איך באקום גוטע גריסן זומער פון מיין זון יהושע, פון דעם פרקי אבות שיעור, און די הלכות וואס מען לערנט פאר יעדן שבת.
**הגר"י הורוויץ:** יהושע אליין האט אויך שיין געזאגט, דין ירית מבית אבא. מיר האבן געהאט א המשך פון די שמחת הבר מצוה פון הערשי, עס איז געווען א קידוש שבת. ער איז זייער א איידל קינד, קיין עין הרע. עס איז מיר די וואך אויסגעקומען נאכצוזאגען פונעם **ווילנער גאון**, יערוף כמטר לקחי תזל כטל אמרתי (דברים לב-א), די תורה איז נמשלה למים (תענית ז.), זאגט ער, וואסער אז מען גיסט אויף א הארטע זאך, וואקסט נישט. אבער אויב עס איז דא קערעלעך, קען עס וואקסען. וואס זענען די קערעלעך, דאס זענען די מדות טובות. אז עס איז דא מדות טובות דארט קען די תורה וואקסען.
**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה. מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב.

*

***יום שני פרשת שופטים***

אחר תפלת מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמואל שווארץ** הי"ו (אנטווערפן) שהתקיים באולם באיאן, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וועלט פרעגט, וואס איז די ערשטע מצוה וואס א בר מצוה בחור איז מקיים. וואס פאר א חיוב קומט אויף אים די ערשטע. און די תשובה דערויף איז, אז די ערשטע חיוב קומט אויף אים, די מצוה פון קריאת שמע. תיכף ווען עס ווערט נאכט איז ער מחויב צו ליינען קריאת שמע, ודברת בם וגו' ובשכבך ובקומך (דברים ו-ז). פונעם **חתם סופר** (פ' ויחי רמו.) שטייט, אז די ערשטע מצוה איז שמחה. תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה (שם כח-מז), ווען מען גייט אריין אין עבודת ה', דארף מען עס מקבל זיין מיט א שמחה. איך האב געטראכט, וואס איז דער ענין אז קריאת שמע איז אראפגעשטעלט געווארן אלץ די ערשטע מצוה וואס מען איז מקיים.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו) ברענגט צו, אז ווען די יודען זענען ארויסגעגאנגען צו א מלחמה, האט דער כהן משיח געזאגט, שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם (שם כ-ג), זאגט רש"י, אפילו אין בכם זכות אלא קריאת שמע בלבד, כדאי אתם שיושיע אתכם. ער האט געוואלט מעורר זיין א זכות אויף יודען, עטץ זאגט אלע שמע ישראל, עטץ זענטס מקבל אויף זיך אחדות ה', אתם קרבים היום למלחמה, דער זכות איז גענוג גרויס אז מען קען גיין אין מלחמה. פרעגט דער **חתם סופר**, אז שפעטער שטייט אין די פרשה, אז ווען מען גייט ארויס אין א מלחמה, ונשמרת מכל דבר רע (שם כג-י), און חז"ל (עיין כתובות מו.) דרשנען, מכל דיבור רע, מען דארף זיין זייער געהיטן ווען מען גייט ארויס אין א מלחמה. דער שטן איז מקטרג בשעת די מלחמה, און מען טאר נישט האבען קיין שום חטא אויף זיך, אפילו א דיבור רע זאל מען נישט האבן. און דא זאגט דער כהן המשיח, אז אפילו מען ליינט נאר קריאת שמע, איז גענוג די זכות פון קריאת שמע, אז עס זאל מגין זיין.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, די זכות פון קריאת שמע איז זייער גרויס, עס ווענדט זיך אבער מיט וואס פאר א מויל מען זאגט עס. איז עס א ריין מויל, א מויל וואס איז אפגעהיטן פון רעדן דברי איסור, רעדן וואס מען דארף נישט, ווען די מויל איז מקודש, און די מויל זאגט שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, איז דער זכות פון דעם דיבור קען מכריע זיין א מלחמה. אבער א מויל וואס איז נישט ריין, אז מען רעדט נישט איידל, אז מען רעדט וואס מען דארף נישט צו רעדן, און נאכדעם זאגט ער מיטן זעלבן מויל שמע ישראל, האט עס נישט דעם זעלבן כח ווי א מענטש היט זיך דעם דיבור, און אזוי זאגט ער שמע ישראל.

**דער חתם סופר** (**בתורת משה** פ' קרח סח. ד"ה ועוד) שרייבט, אפילו אם תוכו של אדם יקדש כולו כמלאך, לא יועיל אם לא יקדש פתחי פיו, אויב ער האט זיך נישט געהיטן די מויל פון רעדן וואס מען דארף נישט, האט נישט קיין חשיבות זיין תורה און תפלה וואס גייט ארויס פון א מויל וואס איז נישט ריין. און

ער גיט א משל אויף א מאכל, די בעסטע מאכל וואס מען קאכט, אבער אז מען לייגט עס אריין אין א שמוציגע טאפ, אין א נישט ריינעם טעלער, פארלירט עס דעם גאנצן חשיבות. דער גאנצער מאכל איז גוט, אבער עס ווענדט זיך וואו דו האסט עס געלייגט. אויב די מויל איז נישט ריין, העלפט נישט דער שמע ישראל.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, די תורה דארף צו זיין ונשמרת מכל רע, מכל דיבור רע, דו דארפסט אפהיטן די מויל אז עס זאל זיין ריין, נאכדעם ווען אתם קרבים היום למלחמה, קען זיין שמע ישראל. א שמע ישראל פון א ריין מויל, דאס האט א געוואלדיגע חשיבות אויבן אין הימל.

**שמע** ישראל איז זייער גרויס, עס מוז אבער זיין א ריינע מויל דערצו. עס איז נישט דא קיין ריינ'ערע מויל ווי א בר מצוה בחור, וואס איז נישט געווען מחויב במצות ביז יעצט, ער האט נישט עובר געווען קיין שום איסור דיבור מיטן מויל, און יעצט איז די ערשטע מצוה מיטן דיבור, ער זאל ליינען קריאת שמע, די קריאת שמע האט א געוואלדיגע חשיבות. א קריאת שמע וואס קומט ארויס פון א ריין מויל, דאס איז כדאי אז מען זאל קענען זיגן די מלחמה. אז מען קען זיגען מיט דעם א מלחמה גשמי, קען מען זיגען מיט דעם א מלחמה רוחני, וואס א מענטש האט בשעת ער ווערט בר מצוה, ווען עס איז דא א יצר טוב מיט א יצר הרע, די ריכטיגע מלחמה הייבט זיך יעצט אן, ווען א יוד גלייבט, און ער ליינט קריאת שמע יעדן צופרי און ביינאכט ערליך בכוונה, דעמאלטס קען ער זיגען די מלחמה, און דער יצר הרע האט נישט קיין שליטה אויף אים.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **חיים ראובן** (ב"ר אהרן) **בויער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם צבי בערגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **פרץ חיים בוימהאפט** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **ברוך גרינבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב אייזיק לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת שופטים</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך (סימן ש"ח, דיני מוקצה).

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אברהם זילבער** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אברהם פוקס** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **לוי יצחק זיידענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ.

אחר תפלת מעריב בבית מדרשנו בבארא פארק, השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **חיים אפרים נאה** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהושע שפיטצער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת שופטים</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **מענדל** (ב"ר יעקב) **ווערצבערגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאדאוונא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הגה"צ אב"ד סאדאוונא שליט"א**.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**רבינו:** עס איז געווען דא א ברית, און אליהו הנביא איז דא געווען. מען זאגט, הרחמן הוא ישלח לנו את

אליהו הנביא זכור לטוב, ויבשר לנו בשורות טובות ישועות ונחמות, ער ברענגט רפואות און ישועות.
**אב"ד סאדאוונא:** עס איז היינט דעם טאטענ'ס יארצייט (הגה"צ רבי ירחמיאל ישראל סעקולא זצ"ל אב"ד סאדאוונא).
**רבינו:** ער איז געווען א אמת'דיגער פארצייטישער יוד.
**אב"ד סאדאוונא:** עס שטייט ביי אסתר ויהי אסתר נשאת חן בעיני כל רואיה (אסתר ב-טו), און ווי די גמרא (מגילה יג.) זאגט, שכל אחד נדמית לו כאומתו. וואו ער איז געווען, האט מען געהאלטן אז ער איז איינע פון זיי. ער האט געהאט א נשיאת חן. ער איז געווען אין סאטמאר און אין גור.
**רבינו:** ער האט גענוצט די פיס צו גיין נאך געלט[א]. וואו איז ער געווען ביי די מלחמה?
**אב"ד סאדאוונא:** ער איז געווען פארשיקט אין א לאגער אין סיביר. ער האט זיך אליין אריינגעשניטן אין די פינגער, כדאי ער זאל נישט דארפן ארבעטן שבת. מען קען זיך נישט היינט פארשטעלן, אבער דארט אין סיביר איז ספרי קודש, א בית המדרש, און א מקוה, געווען בל יראה ובל ימצא, עס איז ממש געווען סכנת נפשות, מען איז פארשיקט געווארן. און ער האט געמאכט א מקוה און א בית המדרש מיט מסירת נפש.
**רבינו:** זיי האבן מקיים געווען, כל המקיים את התורה מעוני, סופו, ביי די קינדער איז עס, לקיימו מעושר.

---

[א] נצטט מתוך דברי הספד שהשמיע עליו **רבינו שליט"א** בדרשת ז' אדר שנת תשנ"ד לפ"ק: היה מהרבנים המפוארים ביותר בדורינו, מלפנים קודם המלחמה בעירו, ושוב כאן בבארא פארק. היה פיקח עצום ואיש נעים הליכות. וחוץ מגדלותו בתורה הצטיין בפשטותו ותמימותו וענותנותו, וכולם העריצו אותו ביותר. גם היה מכתת רגליו לקבץ מעות לעניים. וצוה שלא להספידו ולא יאמרו דברים במקום הספד. רק שיאמרו שני דברים בלבד, שאם פגע בכבוד אחד ימחלו לו בפה מלא. וגם אם אפשר שנשתנה המעות שקיבץ מצדקה לצדקה ימחלו לו. – ושמעתי מאחד ממקורביו, שפעם אחת אמר לו אחד ממעריציו, כי לבזיון הוא מה שהולך מבית המדרש לבית המדרש לקבץ מעות, והוא יתן לו מה שהיה יכול לקבץ. והסכים לדבר. ושוב לאחר זמן מצא אותו הולך שוב לקבץ מעות. ואמר לו בענוותנותו, המעות שאני מקבץ אתה יכול להשלים לי, אבל מה יהיה עם הפעקל בזיונות שאני מקבל על הדרך, ולא הפסיק מדרכו. – ויסופר על אחד מהצדיקים שסיפר כי ראה את חבירו אחר פטירתו לבוש בבגדים נאים, רק לא היה לו מנעלים לרגליו, ואמר כי מעולם לא הלך לקבץ מעות לצדקה. כמה נאים המה כעת המלבושים של הרב על רגליו שכיתתו תמיד לדבר מצוה. (נדפס **בשמן ראש** ז' אדר ח"א דף כב).

**וכיבד את רבינו שליט"א ביין שרף ומזונות**
**רבינו:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיין געזונט און שטארק מיט אריכת ימים ושנים, קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און ווייטער מרביץ תורה זיין מתוך נחת והרחבת הדעת, מען זאל זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער און אייניקלעך. מיר זענען שטארק נהנה פון א אייניקל, רבי אשר מאיר סעקולא איז ביי אונז אין ישיבה גדולה. די נשמה זאל האבן א עליה, און זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת שופטים***
בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **צבי אלימלך יאזשעף** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה מאיר שאהנוואלד** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***קטעים מתוך השיעור:***
**שופטים** ושוטרים תתן לך. וטעם השוטרים, פארוואס האט מען געדארפט שטעלן שוטרים אויך. אמרו בפסיקתא (בפרשתנו), רבי אלעזר בן שמוע אומר, אם יש שוטרים יש שופטים, אויב מען קען שטעלן שוטרים, דארף מען אויך שטעלן שופטים. אם אין שוטרים, טאמער דו האסט נישט שוטרים, אין שופטים, איז נישט דא קין מצוה פון שטעלן שופטים. עס איז נישט דא קיין מצוה צו שטעלן א שופט, ווען דו האסט נישט קיין שוטר וואס וועט עס

אויספירן. שופטים ושוטרים תתן לך, אז דער שופט האט א שוטר, דעמאלטס קען ער זיין א שופט. הדברים מוכיחים, זעהט מען פון דעם, זאגט דער **אור החיים הק'**, שאם אין שוטרים אין חיוב מצות שופטים. אויב עס איז נישט דא קיין שוטרים, איז נישט דא קיין חיוב פון מצות שופטים. ומעתה כל שיודעים ישראל, אויב די יודען ווייסען, שהעם אינם נשמעים לשופטים, אז מען הערט נישט צו, צו דאס וואס די שופטים זאגען, והשופטים אינם יכולים לכופם, און דער שופט האט נישט דאס מעגליכקייט אז ער זאל כופה זיין. ער קען נישט צווינגען, אין חיוב במינוי שופטים, איז נישט דא קיין חיוב אז מען זאל שטעלן שופטים. אויב די שטאט קען נישט אהערשטעלן קיין שוטרים, וואס זאלן אויספירן, אז וואס דער שופט האט גע'פסק'נט זאל מען טון, דארף מען נישט שטעלן קיין שופטים. וכל שהעם נשמעים לדייניהם, דארט אבער וואו מען פאלגט די דיינים, בלא שוטר, אן א שוטר אויך. ווען דער דיין האט גע'פסקנ'ט וועט מען אים פאלגען, חייבים למנות שופטים, דארף מען יא שטעלן שופטים, וקורין אנו בשופט זה, שופט ושוטר. אמאל קען זיין וואס דער שופט אליין איז דער שוטר. אויב דער שופט איז אנגענומען ביי יעדן איינעם, און ווען ער זאגט עפעס, וועט קיינער נישט ממרה זיין אויף וואס ער זאגט, דארף מען שטעלן דעם שופט ער זאל פסק'ענען, ווייל סוף כל סוף וועט ווערן אויסגעפירט דער משפט, ווייל ער איז דער שופט מיטן שוטר צוזאמען. טאמער ווייסט מען אבער, אז מען וועט נישט פאלגען, ביז עס וועט נישט זיין קיין שוטרים וואס וועלן צווינגען דערצו, און מען קען נישט שטעלן וועגן א סיבה, איז אויך נישט דא קיין שופטים. שופטים ושוטרים תתן לך, ווען עס איז דא שוטרים, דעמאלטס איז דא שופטים.

**די** הסבר דערפון איז, שטעלן שופטים איז דאך כדי מען זאל האלטען די דיני התורה. און דער שוטר איז כדי ער זאל אויספירן, אז מען זאל פאלגען וואס דער שופט האט געזאגט. אויב אונז קען מיר נישט אויספירן וואס דער שופט האט געזאגט, וואס איז דער זין אז מען זאל שטעלן א שופט, ער זאל פסק'ענען. עס איז דאך מוטב שיהיו שוגגין ואל יהיו מזידין (שבת קמח:), ביז ווילאנג מען האט נישט אפגע'פסק'נט א זאך, און יעדער האלט אז ער איז גערעכט, האלט ער דאך אז ער איז גערעכט. אבער איינמאל ער ווייסט אז ער איז אומגערעכט, דער שופט האט אים גע'פסק'נט אז ער איז אומגערעכט, און אפילו הכי פאלגט ער נישט, האב איך נאך ערגער געמאכט מיט דעם וואס איך האב געשטעלט דעם שופט. האט די תורה געזאגט, שופטים ושוטרים תתן לך, אויב דו האסט שוטרים, קענסטו פסק'ענען, ווייל נאכן פסק'ענען וועט מען טון אזוי ווי די תורה האט געזאגט, איז דא א זין אז מען זאל שטעלן שופטים, כדי צו האלטען די ווערטער פון די תורה. אבער שטעלן שופטים מען זאל פסק'ענען שאלות, און נאכדעם וועט מען נישט אויספירן וואס מען זאגט, דארף מען נישט שטעלן קיין שופט.

**מען** זאגט נאך אויף א גדול, אויף דעם **חזון איש**, צו אויף א אנדערען. וואס אלעס וואס ער פלעגט צו זאגען, האט מען אנגענומען. האט מען אים אמאל געפרעגט, ווי אזוי איז דאס אז ער האט אזא כח, אז וואס ער זאגט, ווערט אנגענומען. האט ער געזאגט, 'ווייל א זאך וואס איך ווייס מען וועט נישט אננעמען, זאג איך נישט'. עס איז דא וואס טוען אלעס אסר'ן, דאס איז אסור און יענס איז אסור. מען וועט דיך אבער נישט פאלגען וואס דו זאגסט, קומט אויס, אז מען געוואוינט זיך צו, אז מען פאלגט נישט. אבער איינער וואס רעכנט זיך איבער, און ער זאגט נישט אויף א זאך אז מען טאר עס נישט טון, נאר אויב ער ווייסט אז מען וועט פאלגען, דעם וועט מען אייביג פאלגען, ווייל ער זאגט דאך נאר אזא זאך וואס מען וועט אננעמען. האט ער געזאגט, אז וועגן דעם נעמט מען אן וואס ער זאגט, ווייל איך זאג ווייניג, איך זאג נאר דאס וואס יעדער וועט אננעמען. טאמער איך ווייס אז מען וועט עס נישט אננעמען, עס איז נישט דא קיין שוטרים, איז נישט דא קיין שופטים. אזוי ווי דער **אור החיים הק'** זאגט, אז אויב מען הערט צו וואס מען זאגט, איז דער שופט דער שוטר אויך. אבער טאמער ער איז טאקע נישט דער שוטר, שטעלט מען נישט קיין שופטים.

*

**שופטים** ושוטרים תתן לך. וואס איז דער 'לך'? עס וואלט געקענט שטיין, שופטים ושוטרים תתן בכל שעריך. זאגט דער **אור החיים הק'**, פירוש, שהממנים עצמן, די וואס זענען ממנה די שופטים,

לא יאמרו בדעתם, זיי זאלן נישט טראכטען ביי זיך, שלא תשלוט עליהם מקל מרדותו של שופט ושוטר, כיון שהם הממנים אותו, איך האב דאך אים ממנה געווען, איך האב אים געגעבן דעם פאסטן, אויף מיר איז ער נישט א בעל הבית, און אויף מיר וועט ער נישט זיין א שופט און א שוטר. אלא שימנום לשפוט ולרדות אותם, ווען מען שטעלט א שופט און א שוטר זאלסטו ממנה זיין איינער וואס וועט זיין א שופט אויף דיר, איינער וואס וועט דיך רודה זיין. והוא אומרו, און דאס זאגט דער פסוק, תתן 'לך', פירוש, עליך, אויף דיר אליין. די וואס געבן די שופטים און שוטרים, תתן לך, זאלן זיי עס געבן אויף זיך אליין.

**מען** ווייסט וואס עס איז אלץ געווען אין די קהלות, וואס די ראשי הקהלה האבן זיך געהאלטן אז זיי זענען העכער פונעם רב, זיי דארפן נישט פאלגען, ווייל זיי האבן געברענגט דעם רב. און ער האט א רעכט צו זאגן וואס ער וויל, און אים זאל מען נישט איינטיילן, ווייל ער האט דאך ממנה געווען דעם שופט און דעם שוטר. שופטים ושוטרים תתן לך, דו וואס דו ביסט ממנה דעם שופט און דעם שוטר, ביסטו עס נישט ממנה פאר די שטאט, נאר 'לך', פאר דיר דארף ער זיין דער שופט און דער שוטר.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי אלימלך שפיטצער שליט"א** (מנהל רוחני דישיבה גדולה), עב"ג בן הרב **ירוחם ווייכברויט** שליט"א, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג להחתונה של בן הר"ר **צבי אלימלך יאזשעף** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שישי פרשת שופטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם שיף** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **פרץ טובי' טויבער** הי"ו (חתן הר"ר **אברהם יעקב** (אבי) שטערן הי"ו), שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב געזעהן די וואך שטיין, עס איז דא א ספר **לב שמחה**, פונעם **אלעסקער רב**, ער איז געווען א איידעם ביים ערשטען **בעלזער רב**. ברענגט ער צו אין די פרשה, אז ער האט געהערט מפה קדשו פון **רבי שמעון יערוסלובער**, וואס איז געווען א תלמיד פונעם **רבי'ן פון לובלין**, אז דער **רבי פון לובלין** האט אים אמאל געזאגט, אויב דו ווילסט האבן אריכת ימים, גיב איך דיר א עצה דערויף. זאלסט האבן הכנעה פאר יעדן צדיק, וועסטו זוכה זיין צו אריכת ימים. אזוי ברענגט צו דער **לב שמחה** אויף דעם **רבי שמעון יערוסלוב'ער**.

**עס** איז דא א ספר **תורת שמעון**, צוזאמגענומען זאכען פון דעם **רבי שמעון יערוסלובער**, ברענגט ער עס אויך צו דארט אויף זיך אליין. און ער שרייבט, אז זייט דעמאלטס האב איך זיך מדבק געווען צו יעדן צדיק. ער איז געווען א זקן מופלג, ער האט געהאט אריכת ימים. און אפילו בזקנותו איז ער נאך אלץ געפארן צו צדיקים, ווייל דער **רבי פון לובלין** האט אים געזאגט, אז אויב ער וועט זיך מכניע זיין צו צדיקים, וועט ער זוכה זיין צו אריכת ימים.

**שרייבט** דער **לב שמחה**, ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), אלעס האט א רמז אין די תורה. וואו איז דאס מרומז אין די תורה. זאגט ער, אז עס שטייט די וואך אין די פרשה (דברים טז-כ) צדק צדק תרדוף למען תחיה. צדק צדק תרדוף, ווען דו וועסט נאכיאגן נאך צדיקים, למען תחיה, וועסטו זוכה זיין צו אריכת ימים. אזוי שטייט אין **לב שמחה**.

**עס** קען זיין א ענין צו ברית מילה. מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, עס איז די חשוב'סטע מצוה וואס איז דא, עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:), אבער דאס קינד טוט עס

נישט אליין, דער טאטע איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו. כדי אויסצולערנען דאס קינד, אז מען דארף האבן הכנעה. מען טוט נישט אלעס אזוי ווי מען פארשטייט אליין, נאר מען דארף זיך מכניע זיין אזוי ווי דער טאטע טוט. און דער טאטע ווען ער איז מכניס זיין קינד, זאגט ער להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, איך גיי צוריק צום בריתו של אברהם אבינו, פון דעמאלטס אן איז דור אחר דור, יעדער טאטע האט גע'מל'ט זיין קינד. אויסצולערנען דאס קינד, אז די ערשטע מצוה וואס דו ביסט מקיים, דו גייסט אריין לקדושה, איז הכנעה, זיך מכניע זיין אונטער א צווייטען. דער טאטע מל'ט מיך, און דער טאטע איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו. דעמאלטס איז מען זוכה צו אריכת ימים, למען תחיה וירשת את הארץ.

*

***<u>שבת קודש פרשת שופטים</u>***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שמעי' לעוו** הי"ו (חתן הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.